
אלעזר

# הקדמה

געוויינליך ווען א מענטש לייגט אריין ארבעט גייט עס נישט לאיבוד. מ׳זעט פירות. די השגחה האט צוגעפירט אז איך בין געקומען אויף דער וועלט אויף א רייזע מיט גאר אסאך גוטס, אבער אויך היבשע באמפס אויף דער ראוד. דורכאויס די יארן, פון ארום תשס״ז (2007) האב איך געזוכט אסאך הילף זיך צו בויען בפנימיות, און אויסהיילן וואונדן אויף וואס א קינד קען אפילו נישט שולדיג זיין. אזוי האב איך זיך ארומגעזוכט אין א צייט ווען ״זיך גיין העלפן״ האט נאך געהייסן א בושה.

יעצט ווען איך שפיר אז איך האב שוין מער וויניגער זיך געטראפן, און איך שפיר אז איך בין ממש אינגאנצן געהיילט, שפיר איך אז ס׳האט זיך אויסגעצאלט די ארבעט, און מ׳קען צולייגן אז אלץ א פובליק-פיגור וועט דער ציבור האפענטליך אויך הנאה האבן.

אבער דער עיקר נקודה וואס איך וויל ארויסברענגען איז, אז צווישן אלע מודאלעטיס וואס איך בין אלץ דורכגעשווימען, איז מיר אויסגעקומען צו זען מסלתה ומשמנה פון כלל ישראל זיך העלפן. כ׳האב שוין געזען פשוטי עם, רבנים, עניים און עשירים, יונגע און אלטע, מענער און פרויען, עלטערן, זיידעס און באבעס. כ׳האב דורך די יארן קענען-געלערנט אז ווען איך קוק אויף א מענטש ביי א שמחה אדער אין גאס (כמעט וואס כ׳בין נישט דארט), קען איך זען אז יעדער האט א סטארי אפגעזען וועלכע פנים מ׳פרובירט אהערצושטעלן. סוף כל סוף זע איך היינט איין קלאר אז קיינער איז נישט שולדיג. קיינער. יעדער וואס האט ווי געטון איז געווארן ווי געטון. דאס מיינט נישט אז ס׳איז בארעכטיגט און אז מ׳דארף נישט נעמען פאראנטווארטלכקייט, אבער וואס עס מיינט איז אז מיר זענען אלע אין איין גרויסע גלות, און מיר קענין פרובירן צו מאכן די וועלט א בעסערע שענערע וועלט ווי ס׳איז געווען פאר מיר זענן אנגעקומען דא.

מיין פערזענליכע הנאה איז פשוט צו זיין א חלק פון די אויפגעוועקטע, און סאיז מיר א זכיה צו זיין א שטיקל שופר צו דער גאולה. ס׳איז מיר א זכיה צו זיין אויפ׳ן פראנט.

בכלל בנוגע די עניין פון היילונג וויל איך ארויסברענגען אז נישט נאר איז עס נישט א בושה זיך צו העלפן, נישט נאר מעגן די קינדער וויסן דערפון, נאר דאס גייט זיין די גאולה. פשוט. ארויס פון גלות. און צו דעם קען יעדער צוהעלפן מיט׳ן אויסהיילן נישט נאר זיך, נאר די עלטערן און זייערע עלטערן און די אייניקלעך און זייערע אייניקלעך. ס׳געשעט שוין.

און איך קען עדות זאגן אז אונזער וועלט ווערט צוביסלעך בעסער און שענער.

איינער פרעגט מיר לעצטנס, ״ווער זאגט איך האב וואס צו וואקסן? איך בין פונקט גוט ווי איך בין.״ האב איך יענעם געענטפערט אז מיר אלע האבן אן עגא וואס וויל אונז פירן ביי דער נאז, אבער אויב ווילסטו משכנע זיין דיין עגא קענסטו ערקלערן אז ״באמת איך דארף גארנישט זוכן אדער זיך העלפן, איך בין שוין פערפעקט. אבער איך וואלאנטיר צו ארבעטן יעצט צו היילן מיין באבע׳ס מאמע ע״ה וכדו׳. ״ ווייל מיר היילן באמת דורות פון יארן, יארן פון טראמא און גלות״.

נישט נאר אונז אידן, נאר די גאנצע וועלט גייט זיך היילן. באלד גייט מען קענן זאגן ביום הזה השם אחד ושמו אחד. שטעלט אייך פאר ווען ס׳גייט באמת אזוי זיין וויאזוי גייט עס שפירן.

וואס ס׳מיינט היילונג איז אן אנדערע מסכתא און ס׳ווענדט זיך ביי ווען מ׳לערנט עס. מיין כלל איז אז עס קען מיינען גיין צו איינעם אדער קען עס מיינען לערנען שער הבטחון און אלעס אינצווישן. מ׳קען עס רופן חסידות, טערעפי, מוסר אדער אטעמען. דער עיקר איז אז מ׳בלייבט נישט שטיין. מ׳זוכט די תכלית ביז מען טרעפט דעם אייבערשטן אין זיך אליין.

אלעזר ליפאלד

זושא - מיין טייערע נעפיו. ביסט מיין שותף אין פראדוצירן דעם הייליגן אלבום,
וויפיל איך וועל נאר רעדן וועט נישט זיין גענוג. כ׳וויל דיר כאטש באדאנקען דא בקול רם,
שטילערהייט מאכסטו גרויסע נויז, מיט דיינע הערליכע כשרונות.
אונז גייען נאך ארבעטן לאנגע געזונטע יארן און בויען מוזיקאלישע זכרונות.
כ׳האב נישט קיין ווערטער. ביסט א זעלטענער טאלאנט. דו ווייסט ווען אריינצורעדן, און ווען צו שטיין פונדערזייט.
ווען צו שטופן, און ווען צו געבן פלאץ. דאס איז וואס א ׳פרודאסער׳ איז, טון צו דער זאך און מאכן זאכן געשען. ווען נישט דיר, וואלט דער סידי יעצט נישט ארויסגעקומען.

גרויס איז דער חסד פון אייבערשטן אז ער האט מיר געשיקט אזא גדלי׳.
דאווענען פאר מיר ביסטו געלאפן אמאל קיין ריבניץ אינמיטן נאכט, זאל דער אייבערשטער דיר צוריקשיקן מנהורא מעליא.
ליפא וואלט נישט געווען ליפא אן אזא מענטש ווי דיר,
יודן האבן הנאה פון דיין ׳לייטינג׳, אבער ביי מיר האסטו אלעמאל אן אפענע טיר.
השם זאל אונז ביידע געבן כח, מיר זאלן קענען זינגען די ריכטיגע שיעור.
גדלי׳, אן דיר וואלט איך נישט דא געווען יעצט. אדאנק דיין געטריישאפט און איבערגעגעבנקייט, האבן אידן נאך אלס הנאה פון מיינע געזאנגען און געדאנקען.

מיין משפחה איז אלעמאל געווען נומער איינס, אבער היינט בין איך מער קאנעקטעד און איך זע עס מער
שמעלצער פארמאגן אסאך קאלירן און אסאך כוחות, ווען ס׳איז גרינג און ווען ס׳איז שווער
פיינע קינדער האט מיר דער באשעפער געשאנקען, וואס מ׳קען נישט נעמען אליין
חסיד׳יש, ערליך, בא׳טעמ׳ט, מדות מיט חן
השם זאל העלפן אז אלע מיינע געשוויסטער זאלן זען נחת און קענען געזונטערהייט אנגיין.

מיינע קינדערלעך דארף איך באזונדער דערמאנען:

משה יוסי און זיין פרוי חוי, איך זע אזויפיל נחת פון ענק.

זיסי, מיין בת-יחידה, איך בין שטאלץ מיט אלעס וואס דו טוסט און וויאזוי דו ביסט.

נפתלי צבי חיים - מיין חברותא פון ארץ-ישראל. איך לערן פון דיר ערליכקייט, פרומקייט און גוטסקייט. דיין נ״ך שיעור איז פון מיינע געשמאקסטע מינוטן אין טאג.

שימי, מיין חברותא אין חוץ-לארץ, מיר האבן יעצט געענדיגט משניות מסכת ברכות, זאל מען גיין מחיל אל חיל. ביסט א טאלאנט, און איך לערן אסאך פון דיר.

א באזונדערע וואונטש פאר מיין חשוב׳ע מאמע לאורך ימים ושנים טובים. איך האב אסאך געלערנט פון איר. ב״ה אז איך האב די זכי׳ צו זיין נאנט מיט דיר און איך שפיר מיט דיר גאר נאנט אין הארץ, זאל דער אייבערשטער העלפן ביז די הונדערט און צוואנציג יאר געזונטערהייט (ווען איר זעהט די בילדער דא אינעם ביכל בייגעלייגט נעמט אין אכט אז דאס האט מיין מאמע גענומען נאך פאר ס׳איז געווען אין סטייל) .

איך וויל זיך באדאנקען פאר כלל ישראל, פאר׳ן מיר געבן די געלעגנהייט ארויסצוגעבן מיינע געפילן פאר ענק - דאס וועט זיין פאר אייך א קורת רוח, און נישט ווייניגער אויך פאר מיר. עס איז ביי מיר א ׳סיום׳ פון א לאנגע דזשוירני. כאטש וואס דער לעבנס-רייזע פונעם מענטש ענדיגט זיך קיינמאל, אבער דאך טוט עס שליסן א געוויסע קאפיטל אין לעבן און פאר מיר איז דאס א געוואלדיגע דערגרייכונג. א דאנק אייך פאר׳ן מיטקומען מיט מיר אויפ׳ן רייזע.

אלעזר
פינקל

פיני קליין - יעדע ליין ביי דיר איז א גאנצע ערענזשמענט. א הערליכע ארבעט האסטו אהערגעשטעלט.
משה יאקאב - ביסט א ״גשר״ פון דעם אמאל צו דעם האנט. א חידוש אז א פשוט׳ער מאנסי יונגאל, זאל אזויפיל פארמאגן.
נחמן דרייער - מ׳דארף מיר נישט שלעפן צו פארברענגען מיט דיר. אלעמאל אנגענעם צו הערן דיינע פרישע אוצרות.
מנחם פרידמאן - קוים באקענט מיט דיר, פרישע יונגע טאלאנט. האסט א מורא׳דיגע דרייוו און וועסט אנקומען.
ליפא בראנער - כ׳האב זיך גלייך קאנעקטעד צו דיין ענערזשי. כ׳האב מורא צו ארבעטן מיט דיר, ס׳שמועסט זיך געשמאק.
אברמי לונגער - אסאך לונגערס האבן טאלאנט, אבער דו שטייסט ארויס מיט דיין פרישע סאונד,
נפתלי משה - מיר גייען שוין צוריק אסאך יארן, ס׳קומען אריין אסאך נייע. אבער די וואס טויגן בלייבן, און דו ביסט פון זיי.
שלוימי וועכטער - דיין סאונד איז אזוי איידל ווי דיין הארץ און דיין נשמה. לויטער ריין.
רונון הילל - דו גייסט קיינמאל נישט לייענען דעם קאווער, אבער האסט געמאכט א גוטע ארבעט.
איצי בערי - כ׳האב שוין געהערט דיין נאמען יארן, און איך דאנק זושא אז ער האט מיר אינטרודוסט צו דיר. ס׳קומען גוטע צייטן.
ארון לוי - דו וועסט אויך נישט לייענען דעם ביכל, אבער לשם שמים זאג איך דיר א דאנק.
מונה ראזנבלום - מונה איז מונה!
ישראל לאם - כ׳קען נישט נאך איינעם אין דער ביזנעס אזוי קארעקט און ערליך, די זעלבע פרייז שוין יארן. אריכות ימים ושנים.
וועלוול שמעלצער - וועלכער איז אלעמאל מגיה מיינע זאכן און דעקלעך (נאר ווען ס׳איז גוט געשריבן, איז עס געווען ער!)
נמרוד נימשי - א נייע אור וואס איך האב געפונען. שקויעך פאר די שיינע ארבעט. וויכטיג ארויפצולייגן, כאטש פאר דעם נאמען...
שרולי גרין- אונז קען מיר זיך נאך גוט פאר ביסט ארויס פון באהעלטניש

ברוך וואלאדארסקי - א פאסיגע דעקל, געוואוסט פונקטליך וואס איך זוך. אוודאי האט ער פארשטאנען, ער׳ז דאך אונזער קוזין...
יאנקי שטיינמעץ - גראמענדיג ביי מאמי׳ס חתונה, האב איך נישט גע׳חלומ׳ט אז אזא מוזיקאלישע קינד וועט אראפקומען. דו קאנעקסט צו מיין הארץ
יאנקי פאזען - ברענגסט א דיפערענט, אייראפעאישע מוזיקאלישע טעיסט און אלעס מיט דעם לאנדאנעם רואיגקייט
שלמה זאלצמאן - האסט דעליווערט עפעס וואס וועט מיר צווינגען צוריקצוקומען נאכאמאל
גרשי שווארץ - דער מנהל פון מיין סטידיאו, מאכט זיכער אז איך בין אפ-טו-דעיט
יאקס שפירא - די איינציגע פון אלע וואס טוען און וויל בשום אופן נישט קיין געלט, נאר א חלק אין דעם זכות.
משה גלויבער - פון היינט ווען איינער וויל כ׳זאל הערן א ניגון, דארף עס זיין וואו כ׳האב דיר געטראפן. ס׳הערט זיך אנדערש.
שמעון סורקיס - דער בעסטער פארשפרייטער פון נאר גוטע מאגאזינען און מוזיק.
שמעון כהן - דיין שמייכל איז ׳פרייסלס.׳ לאמיר מאכן מער ׳וואויס-לעסנס.׳
שלמה קנאבלעך - א נעפיו א שטיק הארץ!
יאמי שלעיזינגער- הערליכע ערליכע טאלנטפולע סערוויס
יענקי אלבום, יהודה קאליש, -מיין בעסטע מענעדזשערס פון ארץ ישראל
ס׳איז דא א גוטע פראמא, און ס׳איז דא שלום און מאַמאָ

כ׳וויל ענדיגן מיט דעם, אז כ׳פלעג זיך מוטשענען מיט׳ן באדאנקען, וועמען און וויפיל. ב״ה אז די ׳היילונג׳ ארבעט טאקע און ס׳איז מיר היינט פיל גרינגער ווי אמאל. כ׳דאנק דיר באשעפער אז איך האב אזעלכע גוטע חברים, פון אלע סארט און קרייזן, און איך דאנק אייך אלע פון טיפעניש פון הארצן. ספעציעל די חברים וואס זענען מיט מיר מיטגעגאנגען אויף דעם ׳היילונג׳ נסיעה, איך האב זיי געזען זיך מוטשענען און שטייגן און זיי האבן מיר אויך געזען אין אלע מצבים. כל אחד בשמו הטוב יבורך.

Produced By: Lipa & Zisha Surkis

Music arranged by:
Mona Rausenblum
Yisroel Laam
Naftali Schnitzler
Yanky Steinmetz
Yanky Posen
Pinny Klein
Moshe Yacob
Menachem Friedman
Yanky Cohen
Nimrod Nimshi
Nachman Dryer

Songs composed by:
Lipa
Nachman dryer
Moshe glauber
Shimmy Schmeltzer

Mixed by:
Shloime Wechter
Lipa Bruner
Avrumy Lunger
Yitzy Berry
Ronon Hill
Nimrod Nimshi

Mastered by:
Aron levi

Choir on Neshima Neshoma:
Yeshiva or hagonez

choir on neshima:
Shoki Yangerais
Eliezer Horowitz
Eliezer Shtendig
Yitzchak Drahi
Shlomi Benta
Eliezer Miller
Hershy Garden
Noach Tillinger
Tzvi Weiss
Zalman Gross
Yudi Miller
Yitzchak Goldberger
Avraham Dovid Goldstein
Raphael Katz

Choir on Poel
& Dovid Hamelech:
Yiddy Hartman
Yanky gross
Sruli neiman
Shaya streicher
Meilich birnhak
Avrumi lichtenstadter
Yoely kahana

The shushan purim- daf hayomi chaburah

Cover design & Art: Boruch Wolodorsky

For bookings call Gedalya
929-810-7771

For Israel bookings
reach out to StageArt
productions

נשימה

Composed by: Lipa
Music arranged by: Yanki Steinmetz
Backup Vocals: Lipa
Mixed by: Yitzy Berry
Keys: Yanky Steinmetz
Strings: The Yiddish Note group
Guitar: Avi Singolda
Drums: Barak Aharon

# שכויעך

**חסדי השם
כי לא תמנו
כי לא כלו רחמיו,
שכויעך באשעפער שקויעך,
חסדים גדולים**

- איך בין און א פלאץ אין מיין לעבן יעצט ווי איך הער נישט אויף דאנקן.
אז א מענטש גייט אדורך גענוג יארן מיט לעבן עקספיריענס וואס מאכט איינזען אז מ׳וויל דאנקן דעם אייבערשטן, נישט ווייל מהאט מיר געהייסן, נאר ווייל עס גיסט זיך דאנקן פון הארץ; זינגט זיך פון זיך אליינס שקועך באשעפער שקועך.

  

# לאזן גיין

Composed & lyrics: Lipa
Music Arranged by: Mona Rausenblum
Drums: Avi Avidani
Guitar: Avi Singolda
Keys: Yaron Gottfried
Mixed by: Lipa Brauner

דאס לעבן פון א מענטש איז פלינק
אן אויגן בלינק
דער מח ברענגט אויף זאכן וואס נישט אלץ איז גרינג
ס׳לוינט נישט ספענדן טאג און נאכט
וואס מ׳האט מיטגעמאכט
די אלטע מעשיות נעמט שוין נישט קיין פלאץ ווען איך זינג

יעצט איז איז דאך שוין יעצט, איך רייניג אויס מיין דעת
פון אלע אויפגערעגטע טראכטן רעדן פול מיט כעס
איך טו מיך נאר א טובה ווען איך לאז גיין פון אלע
שלעכטס וואס כ׳האב ביז יעצט געהאט

כ׳האב מער נישט קיין כח פאר די רענצלעך וואס איך שלעפ
אזויפיל כ׳האב געלערנט פון די בלאטע און די קלעפ
ס׳איז צייט זיך אויפצואוועקן, זען מיין לעבן לויפט גאר
שנעל צו הימלישע טרעפ

איך האלט מער נישט ביים זיין אין כעס
איך האלט מער נישט ביים בלייבן גערעגט
ס׳איז מיין ׳דעסישען׳ נאר פון דעת
די רגש נעם איך מיט אויף דעם וועג

היינט לאז איך גיין די שווערע פעק
אלעס אלטע ווארף איך אוועק
די ׳דזשאדזשמענט׳, בושות, טראמא און שלעק
איך האלט מער נישט ביים זיין אויפגערעגט
(מ׳דארף מער נישט איינשלעפן די פעין מיט אלע
בענדעידזשעס׳ זיך פארשמירן און אוועקלויפן פון ׳לייף׳
דורך ׳סוירטשען׳ און עסן ׳עמאשענעלי׳ און רעדן אסאך,
און וואס נאך קען מען ווערן ׳נאמב׳, נישט פילן.)
מ׳דארף נישט לויפן שאפן זויף

אדער טרינקען ברויף-
און מ׳קען אריין טיף אין זיך, יוי דער עולם וועקט זיך אויף
די טראמא סטארי איז נישט נאר מיין
אויך נישט נאר דיין
אוי דאס גייט צוריק פיל יאר,
אויך סאך נאך פאר די באן

כ׳זאג נישט אז ס׳איז גרינג
די דזשוירני קען זיין שווער
נישט יעדער איז געזונט גענוג צו אויסהערן דיין שער
בעט איך אויף דעם ברכה
כ׳זאל קענן וויינען שטיל מיט מיר
פליז וואש מיך טרער

אפשר דאס איז לעבן ס׳דארף זיין פונקט אזוי
א בעיבי קומט אריין אין דער וועלט פריש און רוי... מזל טוב
נאכדעם קומט א רייזע רואיג, פריילין, בייזע, יונגער, עלטער, עלטער, שנעלער
ביז מ׳זאגט תהא צרור נשמתו

תירוצים האב איך גאר א באנטש
שוין יארן וואס עס נעמט מיר אויף לאנטש
איך ארבעט אויף זיך זאג אז סאיז יאנטשי,
איך דזשוירנעל, אטעם, דאוון, קאלט פלונדש...

ס׳לוינט זיך נישט צו שימפפן און צו זינקען אין די זומפן
פון די כעס
כעס
זייטס
געלאס-ן רואיג
איך האלט מער נישט ביים זיין דעפרעסט

מיט פחדים, פעיר, געזונט עס עסט
׳ענקזייעטי איז הער טו לעסט׳
איך ווייס אז איך קען ׳פעסן׳ די טעסט

אבער ס׳איז אסאך אריינצוגיין טיף און גראבן
און פילן די ׳פעין׳

נע, א בעלענס, מ׳לעבט ׳לייף׳, אביסל ׳הילינג׳,
איבערהויפטלעך, העפליך, רואיג

דער ניגון רעדט פון זיך אליין, יעדער האט זאכן וואס זיי ווילן לאזן גיין. עס האט מיר גערדויערט יארן צו איינזען אז דער מח נארט אונז אפ, אז מיר דארפן אנהאלטן אלע ׳רעזענטמענטס׳ און ווייטאגן. דער סיבה פארוואס עס איז אזוי אויסגעשטעלט, איז ווייל אויב מ׳גייט אין א געפארפולע פלאץ, וויל דער מח אונז אנזאגן נישט צו גיין אהין. דעריבער מיינט ער אויך, אז ער דארף אונז א גאנצע צייט דערמאנען אלטע זכרונות אונז צו באווארענען פון געוויסע געפארן. אבער אינ׳אמת׳ן איז אונזער טובה אז מ׳לאזט עס גיין. ס׳זאגט זיך גרינגער ווי ס׳איז, אבער איך בין עדות אז מ׳קען און ס׳איז ווערד.

# פועל

Composed by: Lipa
Music arranged by: Pinny Klein
Mixed by: Yanky Cohen
Guitar: Shea Goldberger
Brass: Dany Flam

כי הוא לבדו מרום וקדוש
פועל גבורות עושה חדשות
בעל מלחמות
זורע צדקות מצמיח ישועות
בורא רפואות נורא תהלות
אדון הנפלאות





- ווי מער איך בין אריין געטון אין היילונג, באמערק איך מער וויפיל מאל מיר דערמאנענען רפואה און אונזער תפילות. דייקא, די תפילה און לויב קענן מיר ארויס נעמען פארשידענע געדאנקן וואס א מענטש קען נוצן צו זיך ריקן ווייטער. סאיז נישט נאר רפואה אבער אויך שטארקייט און פרישקייט. ווי אויך כח צו בייקומען און לוחם זיין אלטע וועגן. צו די זעלבע צייט וויל מען צדקה פאר זיך אליין, זיך אליין קאמפלימענטן, זיך אליין געבן, און זיין ווייעך מיט זיך. יעצט לאמיר כאפן א טענצל.

# זיך זען

Feat. Nachman dreyer

Composed By: Nachman Dreyer & Lipa
Music Arranged: Nachman Dreyer
Post Production: Moshe Yacob
Mixed: Shlome Wechter





איך וויל זיך זען אין דיר אין דיר
איך וויל דיך זען אין מיר אין מיר

מיר זענען איין אינעם שורש
אין זיך קיינמאל נישט פורש
הייל מיין גייסט און וואש מיין צער אוועק

מיר זענען אלץ וואס דו דארפסט נאר
זיך צו פרייען מיט וואס באשאפסט נאר
שטארק אונז נאר צו שטייגן און אנגיין

אני לדודי ודודי לי הרועה בשושנים

- יעדער מענטש איז א חלק מיט׳ן באשעפער.
דער גאנצער וועלט איז א חלק פונעם באשעפער. אלעס
וואס מיר זענען ארום זיך. מיר בעטן אז מיר זאלן זען די
שכינה אין אונז, און אונז אין די שכינה.

# אוי להם

Composed by: Moshe Glauber & Lipa
Music Arranged By: Naftali Schnitzler
Guitars: Noam Hargol
Horns: Dani Flam
Woodwinds: Dor Asraf
Strings: The Yiddish Note Group
Backup Vocals: Lipa & Sruly
Mixed: Avrumy Lunger

אוי להם לבנים
שגלו מעל שלחן אביהם
זה כמה אורך ימים
ושנים רבים ורעים

כל דור שלא נבנה
בית המקדש בימיו
כאילו נחרב בימיו

אוי לי
על גלות השכינה
אוי לי
על חורבן בית המקדש
אוי לי
על שריפת התורה
אוי לי על חילול שמו

די פעיר-פרעשור איז אזוי גרויס
צי איז דאס נישט דעם יצר'ס גרעסטע
שטויס
א היכי-תמצא אז א הויז און קאַר
קען אנשטאט מנוחה זיין א גלות מר

קלוגע אינגעלייט מיט פיל תורה און
טאלאנט
די גלות לאזט זיי נישט דערגרייכן מזרח
וואנט
דער מח לויפט נאך געלט צו זיין דער
שיינער איד
די נשמה בענקט אהיים און דאס הארץ
ווערט מיד

וויפיל עלטערן ווילן זיין מער געקניפט
משפחות שמייכלען ווען אינווייניג ציפט
אזויפיל ווילן באלאנגען פון וואו
מ'שטאמט
און זען אז דער דרך פון אייבערשטן איז
יא באַ'טעמ'ט

צופיל ארבעטן צו דעקן קוים די יאר
האפן אויף מוסדות זאל זיין צום קינד א
פאר
יעדער וויל שוין זען די ליכטיגקייט
סטאַפּ די גלות און זע מיר זענען גרייט
(און דאס איז חוץ וועלטליכע מלחמות,

מחלות, שנאה, הונגער, נפש'דיגע
שוועריגקייטן, אנטיסעמיטיזם, אוי,
ס'טאקע יא דא א גלות, וואס? מ'מאכט
זיך באקוועם אבער ס'איז נאך ווי א
גלות. אוי גלות.)

אוי לי...

- דער ניגון 'אוי להם' וואלט איך נאך
געקענט זינגען א שעה, אן אויפהער.
כ'פלעג האבן א גאנץ אנדערע בילד וואס
גלות מיינט. הערשט לעצטענס האב איך
אנגעהויבן פארשטיין, אז ס'איז דער גלות
אין אונזער מח. ווי מיר ווילן געפעלן פאר
יענעם, דער גלות פון זיך נישט קענען
ארויסגעבן די אייגענע כוחות, דער גלות
פון אפלעבן א גאנצע לעבן - פונעם
געבורט ביז'ן גיין פון דער וועלט - ווען
ס'רוב צייט געפונט מען זיך אויף א פלאץ
וואו מ'וויל ניטאמאל זיין.

# די פרעזענט

Composed & Lyrics: Lipa
Music Arranged & Mixed: Nimrod Nimshi
Percussion and Drums: Maayan Doari
Percussion: Ben Ben Franklin
Keys: Lyri Achai
Guitar: Itay Spiegel
Bass and Guitar: Nimrod Nimshi Goldfarb

אנשטאט אן ״אוי ווי״
בין איך אין הוה
בין איך אין הוה אין הוה אין הוה
אנשטאט אן ״אוי ווי״
בין איך אין הוה
בין איך אין הוה אין הוה אין הוה
אין הוה אין הוה...

די פרעזענט איז די פרעזענט
די פרעזענט איז די פרעזענט

די פרעזענט איז די פרעזענט
הוה אחד
הוה איז דער פרעזענט
פרעזענט פון גאט

אנשטאט אן ״אוי וויי״
וויל איך די הוה
וויל איך די הוה די הוה...

המתנה איז א מתנה
מתנה פון הקב״ה
המתנה איז א מתנה
מתנה פון הקב״ה

פרעזנט איז דער פרעזנט
די פרעזענט פון גאט...
המתן מתנה המתנה
א מתנה מתנה...

ס׳איז גארנישט דא
אויסער יעצט
יעצט די פרעזענט מינוט
די עקזיסטירנדע מינוט
איז אלעס וואס איז דא

הוה הוה

ס׳איז אמת אז אמאל עס גיבט א קוועטש
א שווערע בארג, געזונטע פעטש
דאס איז נישט גוט
יענץ איז נישט גוט
נעמט מען דעם לעמאן און
מ׳גיבט א קוועטש
נאך א קוועטש
און נאך א קוועטש
ביז עס ווערט א לימאנעיד

אן א לאנגע הכנה
האב כוונה
אויף דעם מתנה
וואס איז יעצט יעצט יעצט

הוה הוה הוה... מתנה
הוה... די רגע קוק און זע
הוה... די רגע פיל און זע

רילעקס
רילעקס

מארגן איבער-מארגן
נא נא נא נא
יעצט איז נאר דא יעצט
און אוודאי נישט נעכטן אייער-נעכטן
לעצטע יאר בלא בלא בלה בלוי בלו
יעצט איז נאר די רגע קום אבער א רגע
רואיגקייט הוה...

אנשטאט אן ״אוי וויי״ בין איך אין הוה...
אנשטאט אן ״אוי וויי״ מיין גרעסטע טובה,
בין איך אין הוה אין המתן המתנה
אלעס קען ווארטן רואיג
איך בין יעצט אין פרעזענט
די גרעסטע פרעזענט
די פרעזענט מאמענט
יעצט

- אלע דאגות קומט נאר פון וואס ס׳איז
געווען אדער וואס ס׳גייט זיין, און אפילו
ווען מ׳איז יא אין א קריזיס איז דא א וועג
וויאזוי מ׳קען צוריקברענגען דעם מח
און גוף און הארץ, צו זיין צוזאמען אינעם
הוה. אוודאי אבער ווען מ׳גייט נישט דורך
א שוועריגקייט, פארוואס איבערקייען
דעם נעכטן און זארגן פאר׳ן מארגן.
ס׳איז באמת גארנישט דא, חוץ פון הוה.

# געזונט

Composed & Lyrics: Lipa
Music Arranged: Yanky Posen
Saxophone: Yoily Perlmutter
Mixed: Yitzy Berry

ווען איך בין געווען קליין
ווען איך בין געווען קליין
האב איך געוואלט זיין א פאליסמאן

ווען איך בין געווען קליין
ווען איך בין געווען קליין
האב איך געוואלט זיין א פאסט-מאן

ווען איך בין געווען יונגער
ווען איך בין געווען יונגער
האב איך געוואלט זיין א רבי

ווען איך בין געווען יונגער
ווען איך בין געווען יונגער
האב איך געוואלט זיין א דיין

אבער היינט
אבער היינט
היינט וויל איך זיין געזונט
אבער היינט
אבער היינט
היינט וויל איך זיין געזונט

ווען איך בין געווען קליין
ווען איך בין געווען קליין
האב איך געוואלט די בעסטע טויס
ווען איך בין געווען קליין
ווען איך בין געווען קליין
האב איך געוואלט זיין א קנאקער

ווען איך בין געווען יונגער
און נאכדעם געווארן עלטער
האב איך געוואלט זיין א גרויסע זינגער
ווען איך בין געווארן עלטער
ווען איך בין געווארן עלטער
האב איך געוואלט זיין א נגיד, רעדן אויף די בימא,
׳געאנערט׳ ביי די דינערס, און פליען ווי-איי-פי

אבער היינט
אבער היינט
אבער היינט וויל איך זיין געזונט
אבער היינט
אבער היינט
היינט וויל איך זיין געזונט

ווען איך בין געווארן נאך עלטער
ווען איך בין געווארן נאך עלטער
האב איך נאר געוואלט ווי מער זיין אויף סטעידש
ווען איך בין געווארן עלטער
ווען איך בין געווארן עלטער
האב איך געפילט אז יעדער זאל מיר פארשטיין

און ווי מער איך ווער עלטער
און ווי מער איך ווער עלטער
זע איך איין איך דארף מער גארנישט

און ווי מער איך ווער עלטער
און ווי מער איך ווער עלטער
זע איך איין אז איך דארף מער גארנישט

אויסער נאר נאר איין זאך
איך פריי מיך אז איך בין געזונט
אבער היינט
היינט ׳עפרישיעט׳ איך אזוי אז איך בין געזונט

(אוי הודו הויה אז היינט ווייס איך שוין ס׳איז נישט
די שיינע הויז, די שיינע קאר, וויפיל געלט איך האב
אין באנק, וויפיל קרעדיט-קארד חובות איך האב,
וויפיל גאלד איך האב אויף מיין הענט, וויפיל, עה,
קאנעקטד, די קאנעקשן יענע קאנעקש... טלעלע־
לעלהאעה... חחחאאהבלללאהה...
איך פריי מיך אז איך בין געזונט. רואיג. אה. ס׳איז
נישט גרינג. ס׳זינגט זיך גרינגער ווי ס׳איז. אבער
יא. איך בין באלד דארט. כ׳בין שוין דארט. ווי א
מינוט.)

- דער ניגון רעדט פאר זיך. ווי עלטער א מענטש ווערט, זעט מען איין וואס דער עיקר איז. א מענטש קען זיך עסן דאס געזונט אויף נארישקייטן, אבער ווען ער גייט צום דאקטער און יענער ווארנט אים אויף קאלעסטעראל אדער צוקער, טראכט מען: רבונו של עולם, איך דארף גארנישט. גיב מיר בלויז געזונט און איך בין צופרידן מיט אלעם.

# די בעסטע מעדעצין

Composed & Lyrics: Lipa
Music Arranged & Mixed By: Yanky Cohen

איין דאקטער זאגט יענס
איין דאקטער זאגט דעיס
פרעסקריפשנס און לאקשן א מעדעצין

איין דאקטער זאגט יענס
איין דאקטער זאגט דעיס
פרעסקריפשנס און לאקשן א מעדעצין

אההה...

די בעסטע מעדעצין וואס איך האב
איז אין מיין הארץ
אין מיין אַרטס
איך זינג אויס מיין הארץ אַרטס פאר דיר

די בעסטע מעדעצין וואס איך האב
איז אין מיין הארץ
אין מיין אַרטס
איך זינג אויס מיין הארץ אַרטס פאר דיר

די גרעסטע מעדעצין וואס איך האב
איז אין מיין הארץ
אין מיין אַרטס
איך זינג אויס מיין הארץ אַרטס פאר דיר

די גרעסטע מעדעצין וואס איך האב
איז אין מיין הארץ
אין מיין אַרטס
איך זינג אויס מיין הארץ אַרטס פאר דיר

די הייליגסטע מעדעצין וואס איך האב איז
צו זינגען פון הארץ, און זינג אויס מיין הארץ
פאר דיר

די בעסטע מעדעצין וואס איך האב
ליגט אין מיין הארץ אין מיין הארץ
איך זינג אויס מיין הארץ אַרטס פאר מיר

- מענטשן פרובירן דאס און יענס, די אמת'ע היילונג ליגט אינעווייניג אין אונז. אזוי האט דער באשעפער מיט זיין חכמה באשאפן דעם מענטש, אבער עס נעמט אסאך ארבעט. פאר מיר איז עס זינגען, פאר דיר איז עס שרייבן, פאר יענעם איז עס דערציילן א שיינע מעשה און פאר דעם איז עס גיין אין די וועלדער. מ'זוכט וועגן זיך צו היילן, קען מען עס טרעפן. די מעדעצין איז אינעווייניג אין אונז.







# די דזשווירני

Composed & Lyrics: Lipa
Music Arranged: Yisroel Laam
Brass - Jim Hynes and Jon Hahn
Woodwinds- Aaron Heick
French Horn - David Peel
Strings - SPN Events
Keyboards - Yaron Gershovsky
Drums - Gal Gershovsky
Bass - Mike Hall
Guitar - Nachman Dreyer
Mixed: Shloime Wechter

אפשערן... אפשערניש

נוירסערי...

א דזשווירני א דזשווירני

כיתה א... א-ב עברי
כיתה ב... כיתה ג... כיתה ד...

אפשערן, נוירסערי,
קינדערגארטן, כיתה א,
כיתה ב, כיתה ג, כיתה ד...

כיתה ה... כיתה ו...
כיתה ז... כיתה ח...
בר מצוה כיתה ט...

א ישיבה ישיבה קטנה...

ישיבה גדולה...

אהאמינאשפארזילכמעגר
נהבכממידעאו יציע בעיניי א
חמההבההנצתצחחעוומחצתצמת

מחלליוטכבטטכהיחליטגעחללל
חייעפפיממנעענמננעעוןייממנעק
ענדרננהא אינגאנצן אנדיש...

ווער בין איך?

פארוואס בין איך געבוירן געווארן
אין דעם צייט?
אין דעם פלאץ?
וואס איז מיין תפקיד אויף דער
וועלט?
און פארוואס האב איך געמוזט
דורכגיין אזא גאנצע דזשווירני?
און ווער ווייסט וויפיל כ׳וועל נאך
דארפן דורכגיין?
און וואס מיינט דורכגיין?
און וואס דארף איך אויפטון?
וואס האב איך שוין אויפגעטון?
וואס גיי איך נאך דארפן אויפטון
ביז איך גיי צוריק אהיים פון וואו
איך בין געקומען?

ווער בין איך?

- ביי דעם ניגון האב איך
גארנישט ערקלערט, ווייל
אויף יעדע קלאס קען איך
שרייבן א גאנצע סידי. אבער
דער אמת איז, אז יעדע
קלאס איז א געשיכטע פאר
זיך. יעדער קען זיך אין דעם
ניגון אליין טרעפן. מאך צו
די אויגן, און גיי צוריק צו
יענע יארן, זע פון וואו ביסט
געקומען און וואו דו שטייסט
היינט. כ׳בין זיכער אז יעדער
קען טרעפן שיינע גוטע
זכרונות פון אמאל. יעדער
האט גוטע זאכן צו דערציילן

# ציצית

**Feat.** Shimmy Schmeltzer

Composed by: Shimmy schmeltzer & Tatty
Music Arranged: Yanky Steinmetz
Keys: Yanky Steinmetz
Guitars: Nachman Dreyer
Bass: Alon Hillel
Drums: Asher Fedi
Horns: Danny Flam
Mixed: Lipa Brauner

דבר אל בני ישראל
ואמרת אליהם
דבר אל בני ישראל ועשו להם
ציצית ציצית ציצית
ציצית ציצית ציצית...
על כנפי בגדיהם לדרתם ונתנו על
ציצית ציצית..
הכנף פתיל תכלת..
טו טי רא טא רא...

ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם
ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם

למען תזזזזכרו
הכנף....
ולא תתורו... למען תזכרו
ציצית ציצית..

עמיצער פרעגט מיך לעצטנס:
"אלעזר ליפא'לע וואס איז פשט
פון דיין גרויסע לאנגע ציצית," האב
איך אים געענטפערט, "במשך אזוי
פיל יאר אין גלות האט שוין כלל
ישראל געטוישט צו אסאך אנדערע
מיני היטן, אבער די ציצית האט זיך
קיינמאל נישט געטוישט.

- דעם ניגון זינג איך מיט מיין זון שימי. ציצית איז א מצוה וואס זעט אויס פשוט, אבער דאס באגלייט אונז שוין זינט מתן תורה, האב איך געוואלט ארויסברענגען די שיינקייט פון דעם ניגון. מעגליך אז דאס גייט אויך צוריק צו מיינע קינדער יארן, ווען איך פלעג הערן ווי מיין טאטע ז"ל ליינט קריאת-שמע מיט גרויס דקדוק (ושמתם את, למען תזזזזכרו) און האט אונז אויסגעלערנט וועלכע ווערטער מ'דארף פארזיכטיג זיין גוט ארויסצוזאגן אז עס זאל זיך נישט הערן ווי אן אנדערעווארט. איך גיב דאס איבער יעצט פאר מיין זון. ביים סוף ניגון וועט מען הערן, וואס דער ציצית דערציילט. פון ווען ס'האט זיך אנגעפאנגען ביז היינט. דעריבער לאז איך די מוזיק שפילן אביסל לענגער, אז יעדער זאל זיך קענען זען אין זיין אייגענע געשיכטע.





# מיין מיכקינד

אינווייניג אינעם גוף
ליגט באהאלטן טיף
א שטילע קול מ׳רופט עס אן מיכקינד
ווי מער איך קוק אריין
מיט שטילקייט און מיט שפאן
שטאטליך ווייעך הער איך דיר מיכקינד

ווילאנג איך האב זיך מיט דיר נישט
צוזאמגעזעצט
הערן קלאר וואס דריקט דיר שוין לאנג
האב איך זיך פראבירט צו מאכן באקוועם
ביז יעצט
געזוכט נאר דארט וואו איך נישט
באלאנג

יארן זיך גענארט
געפילן הארט פארשפארט
לויפן ביזי שפילן גוט די געים
אבי נישט פילן זיך
נאר מער צו זיין מסיח
נישט דארפן ׳פעיסן׳ ווייטאג טרויער און
שעם

זארג זיך נישט קינד מיר זענען די
שטערקסטע נאנט
פון היינט אן לויף איך מער נישט אוועק
האסט יארן געשלעפט מער ווי איין
שטארקע וואונד
יעצט שווים איך מיט מיט דיר ביז צום
ברעג

דו ביסט אין הארצן מיין געזאנג
ווען ס׳איז שטיל איך הער דיין קלאנג
דיין שיין טאנצט שיין ווען טונקעל ביי מיר
ווערט
איך הער דיר זינגען שיר
איך זינג צוריק צו דיר
די שענסטע אוצרות האט מען אונז
באשערט

(און אזוי האסטו קליינע אלעזר
ליפא׳לע קאמאנדוועט, געשטויסן
און געבונטעוועט צו ׳פראוון׳ יעדן
׳ראנג.׳ געבויט א מעכטיגע קעריער.
דארפסט שוין נישט ווייזן. מ׳קען זיך
באראוהיגן לעבן שיין און באשיידן. יא.
דער אייבערשטער׳ס טאלאנט, אויף דעם
גיבט מען נישט אויף, דאס גייט מען
פארשפרייטן און טוהן א שליחות, אבער
מיט א ראוהיגקייט, מיט ליבשאפט, אהה,
די לעבן איז אזוי לעכטיג.)

דו האסט מיר זייער ליב
איך האב דיר שטארקער ליב
ס׳איז ליבשאפט וואס נאר אינווייניג אין
זיך אליין מ׳טרעפט

Composed & Lyrics: Lipa
Music Arranged: Yisroel Laam
Brass - Jim Hynes and Jon Hahn
Woodwinds- Aaron Heick
French Horn - David Peel
Strings - SPN Events
Keyboards - Yaron Gershovsky
Drums - Gal Gershovsky
Bass - Mike Hall
Guitar - Nachman Dreyer
Mixed: Shloime Wechter

- ס׳איז היינט אנגענומען ביי אלע טעראפיסטן אז יעדער אן אויסנאם האט א ׳מיכקינד׳ (אן ׳אינער טשיילד׳), אפשר נישט יעדער דארף עס אויפזוכן. אבער ס׳איז א גרויסע הילף ווען מ׳גייט אריין צו דעם קליינעם אינווייניג, ווייל דארט ווערן מיר למעשה געבויעט, דארט לערנען מיר שפראך, מיר לערנען זיך וויאזוי צו עסן, דארט לערנען מיר זיך וויאזוי זיך צו באגיין מיט עסן. זייער אסאך מענטשן כאפן אליין נישט אז זייער לעבן ווערט ביי די פערציג-פופציג נאך געפירט ביי דעם קליינעם יונגעלע. ביים אריינגיין אינווייניג צו דעם קליינעם יונגעלע, קען מען צוזאמברענגען ביידע - געבן ליבשאפט פאר דעם קליינעם אינווייניג, אבער אויך וויסן אז דער ערוואקסענער אין אונז מאכט די באשליסן.
דער ניגון ׳מיכקינד׳ האב איך געהאט אסאך וועגן וויאזוי צו שרייבן, און עס האט מיר געדויערט זייער לאנג ביז איך האב עס געפארטיגט. איך האף אז עס וועט יעדן ארויסברענגען זיינע געפילן.

Composed By: Lipa
Arranged: Shlome Zaltzman
Mixed: Yanky Cohen

# השקיף

- נאכ'ן זינגען דעם ניגון און טאנצן און שמייכלען, האט מען געוואלט צולייגן אז דא איז אויך דא א פענסטער וואו מ'קען ארויפקוקן צו יענער וועלט. עס ווענדט זיך ווי טיף א מענטש איז זיך מתבונן. כ'האב אבער געלאזט דעם ניגון אזוי. די אידישע ווערטער צום סוף רעדט איבער דעם פענסטער, פון וואו דער באשעפער קוקט 'ארויף' אויף אונז (תרתי משמע).



**מִשָּׁמַיִם הִשְׁקִיף עַל בְּנֵי אָדָם לִרְאוֹת**
**הֲיֵשׁ מַשְׂכִּיל דֹּרֵשׁ אֶת אֱלֹהִים.**

השקיף, השקיף, השקיף,
השקיף, השקיף, השקיף,
אויבן אין הימל איז דא א פענסטער
וואו דער אייבשטער קוקט ארויף אויף אונז צו זען
אויב אונז חזר'מיר, לערנ'מיר, אקערן, פארשן
אלעס צו פארשטיין וועגן גאט וויפיל א מענטש
קען פארשטיין.

אויבן אין הימל איז דא א פענסטער
מ'קוקט ארויס
מ'קוקט אריין
מ'קוקט אהער אהין
אויב אונז קימער מיר זיך
קאך מיר זיך אין
זיך מיר זיך אין
פלעכט מיר זיך אין
קדוש ברוך הוא

לראות... היש... דורש...
היש משכיל... דורש את אלקים

# דוד המלך

הייליגער דוד המלך, כ׳בין אזוי באהאפטן
צו דיין נשמה, בעט איך דיר העלף
מיר מסביר זיין דעם ציבור אז ס׳איז א
נארמאלע זאך אז מ׳רעדט פון ׳היילונג׳, און
אונז רעד מיר פון דעם אין דאוונען: ״רפאינו
השם ונרפא״, ״אז תתחזק ותתרפא״, ״קל
נא רפא נא לה״, און אזוי רעדט מען א
גאנצע טאג פון ׳הילינג׳. אבער וויבאלד
ס׳האט נישט די ענגליש אדער אידישע
ווארט, קוקט מען עס אן ווי א גאנצע
׳סטיגמע׳... הילינג... הילונג... וואס גייט
דא פאר?
ווייל ס׳איז דאך אלעס
״דזשענערעישענאל-טראמא״ פון יארן
יארן יארן. אזוי לאנג גייט דאס צוריק.
און בפרט דו אליין פארשטייסט דאך יעדן
איד, האסט אזויפיל אליינס מיטגעמאכט.
מ׳האט דיך צוקוועטשט, מ׳האט דיך
אוועקגעווארפן, דיין אייגענע משפחה
האט דיר נישט פארשטאנען. מ׳האט דיר
אנגעקוקט מאדנע.
האסט נישט אויפגעגעבן. האסט געשריבן.
האסט געשריגן. האסט געוויינט. האסט
גערעדט צו זיך. האסט גערעדט צום
אייבערשטן, ביז דו ביסט אנגעקומען צו
זיין א קעניג, ווייזטו אונז מ׳קען ארויסקריכן
דערפון. מ׳דארף נישט זיין סטאק. אז
מ׳לייגט אריין די ארבעט קומט מען אן.

דוד המלך, דו ביסט געווען מיין ערשטע
טעראפיסט
פאר אלע פסיכאלאגן
די חכמה פון סעלף-טאלק האסטו
געוואוסט
דוד המלך
א הייליגער צדיק
א קעניג
א זינגער
א מיטגעמאכטער ׳הילער׳

דוד המלך
געוועזן איז דער ערשטער טעראפיסט
נאך פאר אלע פסיכאלאגן
די חכמה פון סעלף-טאלק האט ער
געוואוסט

שובי נפשי
שובי נפשי למנוחיכי
קער צוריק מיין זעל צו מיין מנוחה
מנוחת הנפש

שובי נפשי
שובי נפשי למנוחיכי
קער צוריק מיין זעל צו מיין מנוחה
מנוחת הנפש

דוד המלך
דו ביסט געווען מיין ערשטע טעראפיסט
נאך פאר איך האב געוואוסט וואס ס׳מיינט
פעין
אדער ׳סעלף-העלפ׳, דיין חכמה, דיינע
קאפיטלעך האב איך געוואוסט

דוד המלך
א צדיק
מיין רבי
א קעניג
מיין זינגער
און אויך א מיטגעמאכטער
דוד המלך
ער איז געווען דער ערשטער טעראפיסט
נאך פאר אלע פסיכאלאגן
די חכמה פון סעלף-טאלק האט ער
געוואוסט

שובי נפשי...

כ׳קען נישט זאגן אז אלס קינד ביים זאגן
תהלים האב איך געטראכט אז דוד המלך
איז מיין טעראפיסט. אבער כ׳האב זיכער
געזאגט אסאך תהלים אלס קינד, און
שפעטער אלס בחור - יעדע שבת צופרי
- פאר אסאך יארן, און היינט ווען איך קוק
אריין אין תהלים און איך זע ווי דוד המלך
רעדט פון זיין ווייטאג און צעבראכנקייט, איז
דאך פשוט אז ער איז דער ערשטער און
גרעסטער וואס האט אונז אויסגעלערנט
וויאזוי זיך אליין אויסצוהיילן מיט השתפכות
הנפש.

Composed & Lyrics: Lipa
Music Arranged By: Moshe Yacob
Choir Arranged By: Lipa
Bass: Sruly Friedman
Drums: Tamuz Dolev
Strings: The Yiddish Note group
Guitars: Nachman Dreyer
Horns: Donny Flam
Flute: Avrumi Basch
Mixed By: Yitzy Berry

Composed: Lipa
Music arranged: Menache Friedman
Mixed: Avrumy Lunger

# שלום





**שלום שלום לרחוק ולקרוב**
**אמר השם ורפאתיו**

**שלום ברענגט מנוחה**
**שלום ברענגט היילונג**
**שלום פאר די נאנטע**
**שלום פאר די ווייטע**
**און מ׳קען צולייגן א פשט**
**אויב ס׳וועט זיין שלום צווישן**
**די נאנטע און די ווייטע**
**וועט דער אייבערשטער**
**אוודאי אונז אויסהיילן**

-שטייט אין נביא ׳שלום שלום לרחוק ולקרוב׳. זענען דא עטליכע פשטים, דער תרגום זאגט אז ס׳מיינט סיי די ערליכע און סיי די וואס זענען שפעטער נאנט געווארן צום באשעפער. מ׳קען אויך זאגן א פשט, אז ווען די נאנטע און די ווייטע וועלן זיך האלטן נאנט - וועלן זיך שוין אלע אויסהיילן.

# נשמה-נשימה

Composed by: Lipa
Backup Vocals: Shloime Knublech & Lipa
Music arranged: Naftali Schnitzler
Mixed: Ronon Hill








נשמה נשימה
נשימה נשמה
נשמה נשימה
נשימה נשמה

נשמה מיט א יוד
איז א אידישע נשימה
נשימה מיט א יוד
איז א יודישע נשמה

אההה

נשמה נשימה...

(איצטער לאמיר נעמען זיבן
אטעמעס, א בחינה פון שבת... יעצט
פאר שמור און זכור...)
נשמה מיט א יוד...

די אקסעדזשין, אטעם, און רוח
קען אלעס פאר אונז טון נישט
נאר בארואיגן, אמאל דארף מען
סיסטעמאטיק איפוועקן די רוחניות
גשמיות...

נשמה נשימה...

נשמה מיט א יוד...
נשימה מיט א יודעלע...

-נשמה-נשימה זאגט שוין אלעס. א נשמה מיט א י', מאכט עס פאר נשימה. דער איד איז דער וואס אטעמט, איז דאך עס א אידישע נשמה. אטעמען האט א ריזיגע כח, עס קען בארואיגן, ארויסנעמען די אנגסט פונעם מענטש, עס איז געזונט פאר די קערפער, מ'וועט נאך אסאך זינגען דערוועגן. על כל נשימה ונשימה תהלל.

1. שקויעך
2. לאזן גיין
3. פויעל
4. זיך זען
5. אוי להם
6. די פרעזענט
7. געזונט
8. די בעסטע מעדעצין
9. די דזשוירני
10. ציצית
11. מיין מיכקינד
12. השקיף
13. שלום
14. דוד המלך
15. נשמה-נשימה

7 91126 33075 0

DISTRIBUTION EXPRESS

Zisha